בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

## דברי פתיחה לתלמידי הישיבה ליל שישי תזריע מצורע תשכ"ג

• כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ • לימוד תורה גם בדברים גַּשְׁמִיִּים נותן כח לְהַנֶּפֶשׁ •
• שלא יהא בועט באביו ובאמו וברבו • הלימוד מביהמ"ד צריך להביא לביתו •
• משל הַגִּזְבָּר וְהַמַּפְתֵּחוֹת, משל התַּרְעָא והַדִּרְתָּא • וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו לוֹ יִהְיוּ •
• מתי חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב • תכלית הלימוד לידע רצון ה' •
• הדרכות ללימוד התורה הקדושה •

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י
**מערכת "לשון קדשו"**
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040
**קונטרס 59**

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **פתיחה לתלמידי הישיבה תזריע מצורע תשכ"ג**

דרוקט: **#→423→3→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(27 מינוט) **זייער קלאָר**

---

לעילוי נשמת האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשיה הטובים
מרת **פערל** בת הרה"ג ר' **זאב** (פעפער) ז"ל **קויפמאן**
נפטרה ח' אייר תשע"ה לפ"ק
אשת יבלחט"א הרבני החסיד מוה"ר **חנני' יו"ט ליפא קויפמאן** שליט"א

•

ולעילוי נשמת האשה החשובה והצנועה המפורסמת במעשיה הטובים
מרת **רחל** בת הר"ר **יוסף שאול** ז"ל **ווערצבערגער**
נפטרה כ"ד ניסן תשע"ח לפ"ק
אשת יבלחט"א הרבני החסיד מוה"ר **צבי אלימלך ווערצבערגער** שליט"א
ראה"ק דקהל ויואל משה דסאטמאר מאנסי

**תנצב"ה**

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת מצורע

א

קושיא א

להבין כוונת הדרשה זאת "תִּהְיֶה", בַּהֲוָיָתָהּ תְּהֵא

ס׳שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה: **זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן.**

שטייט אין תורת כהנים (בילקוט רמז תקנט, ובמנחות ה.) **זֹאת "תִּהְיֶה", בַּהֲוָיָתָהּ תְּהֵא, ס׳זאָל זיין בַּהֲוָיָתָהּ, אַזוי ווי ס׳איז** [ולא באופן אחר].

**א) פאַרשטייט מען נישט קיין פְּשַׁט, וואָס הייסט בַּהֲוָיָתָהּ.** [דמן יתור תיבת "תִּהְיֶה" דרש׳נט מען בַּהֲוָיָתָהּ [תהא, אבל צריך ביאור הכוונה] **נו אודאי, וויאַזוי דען זאָל זיין?**

ב

# קושיות ודיוקים במאמרי חז״ל

## בענין תורה ויראת שמים

קושיא ב

בגמרא ברכות: דתכלית חכמה תשובה ומעשים טובים, שלא יהא בועט באביו ורבו וכו׳

**די גמרא זאָגט אין ברכות**[א] (דף יז.):

**מרגלא בפומיה דרבא, תכלית תורה, דער תכלית פון די תורה הקדושה איז** [שיהא עמה] **תשובה ומעשים טובים, שלא יהא אדם קורא ושונה, ער לערנט מקרא ומשנה, ובועט באביו ובאמו וברבו, אינעם רבי׳ן, ובמי שהוא גדול ממנו בחכמה ובמנין.**

והקשה המהרש״א: למה נקט דוקא ענין זה שלא יבעוט באביו וברבו?

**פרעגט דער מהרש״א, פאַרוואָס**[ב] **רעכנט ער גראָד** [=דוקא] **דעס** [שלא יהא בועט באביו וברבו], **ס׳איז דאָ אַסאַך זאַכן אין די תורה הקדושה פון יראת שמים, מ׳דאַרף דאָך נזהר זיין בכל התורה כולה, וואָס כאַפּט ער אָן גראָד די זאַכן.**

ומתרץ המהרש״א: דבכל דבר רע שעושה, נקרא בועט באביו וברבו, מפני שהבריות מבזים אותם על זאת

**זאָגט דער מהרש״א אין הכי נמי, ווייל** [שמירת] **כל התורה כולה איז תלוי אין דעם** [שלא יבעוט באביו וברבו].

---

[א] **בגמרא**, מרגלא בפומיה דרבא, תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט באביו ובאמו וברבו ובמי שהוא גדול ממנו בחכמה ובמנין, שנאמר (תהלים קיא, י) רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה׳ שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עֹשֵׂיהֶם, לעושים לא נאמר אלא לעֹשֵׂיהֶם, לעושים לשמה ולא לעושים שלא לשמה, וכל העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא. **ופרש״י** תכלית חכמה, עיקרה של **תורה**, שיהא עמה תשובה ומעשים טובים.

[ב] **במהרש״א** (בחידושי אגדות שם) קורא ושונה ובועט באביו כו׳. לכאורה קשה אמאי נקט הני. ויש לומר דגם בעושה מעשים רָעִים אחרים קרי ליה בועט באביו ורבו, כמו שאמרו בפרק יום הכפורים (יומא פו.) מי שקורא ושונה וכו׳ ואין משאו ומתנו באמונה ואין דבורו בנחת עם הבריות, מה אומרים עליו, אוי לו לאביו ולרבו שלמדוהו תורה, ראו כמה מקולקלים מעשיו כו׳ עיי״ש.

KolSatmar.com

וואָרן ס׳שטייט[ג] (בגמרא יומא פו.) אַז איינער לערנט און ער האָט נישט קיין משא ומתן באמונה, ואין דיבורו בְּנַחַת עם הבריות, אומרים אוי לו לזה [לאביו ולרבו שֶׁלִּמְּדוֹ תורה], חלילה שעלט מען דעם שֶׁגִּדְּלוֹ, מ׳שעלט דעם שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה, דעם וואָס האָט אים געלערנט תורה. און אַז ס׳איז אָבער גוט זאָגט מען אַז ׳וואויל איז דעם טאַטן׳ און ׳דעם רבי׳ן׳.

ממילא [סיי] וואָס מען טוט [שלא כהוגן], אַז איינער איז קורא ושונה און ער פירט זיך נישט גוט אויף, איז ער ׳בועט באביו ואמו וברבו׳, ווייל דאָס הענגט מען אָן [הבריות באביו ורבו], דאָס איז אַ בזיון פונעם פאָטער, פון די עלטערן און פון די רבי׳ס גאָר זיינע, אַז ער איז נישט אַזוי ווי מ׳ברויך אַקעגן מענטשן, און מ׳איז זיי גאָר מַשְׂנִיא אַזוי ווי די גמרא זאָגט, מ׳איז מַשְׂנִיא די תורה הקדושה.

איבערדעם כאַפּט ער אָן דעם.

[עד כאן דברי המהרש״א].

### ג

אבל עדיין קשה מה שאמרו שלא יהא בועט במי ״שגדול הימנו בחכמה ומנין״, וכי איזה שייכות יש לו עמו?

ב) נאָר ס׳איז נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט, מילא האָט ער געזאָגט אַ שטיקל תירוץ פאַרוואָס ער כאַפּט אָן ״אביו ורבו״, ווייל אין דעם [במעשיו] איז תלוי [כבודם], אָבער [מה שנקט גם כן] ״מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין״ [אף שאינו רבו, זה אכתי לא נתיישב, דלכאורה] וואָס איז ׳יענער׳ שולדיג, ער איז נישט זיין ׳טאַטע׳ ער איז נישט זיין ׳רבי׳, ער האָט מיט אים נישט געלערנט, [וכי בשביל] ווייל ער איז ׳גרעסער פון אים׳ זאָגט מען שוין אוֹי לוֹ?, איז עס שוין פאַר ׳דעם׳ [אדם גדול] אויך שוין אַ בזיון?, אויף די אַלע? ווער ס׳איז פון אים גרעסער?, כאָטש ער האָט מיט אים נישט?

מ׳קאָן דאָך נישט אָנהענגען [אַז] ער האָט אים עפּעס שלעכט ערצויגן, ער האָט אים שלעכט אַריינגעגעבן, אַ שלעכטע הדרכה געגעבן, [שהרי לא הוא גידלו וחינכו].

דאָס איז רעכט [פירוש המהרש״א רק אצל] אביו ורבו.

### ד

קושיית מהרש״א לענין ״רבו״ יש ליישב עוד באופן אחר, דרק ע״י שלמד תורה יש לו ״רבו״ בכלל, ושייך לבעוט ״ברבו״

נאָר, די עבירה פון [בועט בכבוד] ״רבו״ אַליין קען מען זאָגן פשוט אויכעט [בדרך צחות, מלבד תירוץ מהרש״א], אַז איינער לערנט נישט גאָרנישט, האָט ער דאָך נישט קיין רבי, קען ער נישט עובר זיין די עבירה ער זאָל זיין בועט ״ברבו״, וואָרן ער האָט דאָך נישט דעס מין, ער האָט דאָך נישט געלערנט. נאָר אַז ער לערנט [שהוא ״קורא ושונה״], קאָן מען דאָס זאָגן [שיש לו רב, השייך לבעוט בו].

---

[ג] תניא וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ (דברים ו, ה), שיהא שם שמים מִתְאַהֵב על ידך, שיהא קורא ושונה וּמְשַׁמֵּשׁ תלמידי חכמים, ויהא משאו ומתנו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, אשרי אביו שלִמְּדוֹ תורה, אשרי רבו שֶׁלִּמְּדוֹ תורה. אוי להם לבריות שלא למדו תורה, פלוני שֶׁלָּמַד תורה ראו כמה נאים דרכיו כמה מתוקנים מעשיו וכו׳. אבל מי שקורא ושונה ומשמש תלמידי חכמים ואין משאו ומתנו באמונה, ואין דבורו בנחת עם הבריות, מה הבריות אומרות עליו, אוי לו לפלוני שֶׁלָּמַד תורה, אוי לו לאביו שֶׁלִּמְּדוֹ תורה, אוי לו לרבו שֶׁלִּמְּדוֹ תורה, פלוני שֶׁלָּמַד תורה, ראו כמה מקולקלין מעשיו וכמה מכוערין דרכיו וכו׳.

KolSatmar.com

ה
סיום קושיא ב (אף לדרכינו)

אָבער אף על פי כן מ׳ברויך דאָך האָבן פשט אין דעם [מה שהזכירו גם כן ״מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין״ אף שלא למד ממנו כלום, וזה קשה גם לפירושינו בענין ״רבו״, דסו״ס לבעוט ״במי שגדול בחכמה״ אינו תלוי באם הוא עצמו למד תורה או לא].

נאָר איך האָב גערעכנט.

ו
קושיא ג
בגמרא שבת: ב׳ משלים על מי שיש לו תורה ואין לו יראת שמים

ס׳איז דאָ נאָך אַ **גמרא** איז דאָ, אין **שבת** דף ל״א (ע״ב):

[אמר רבה בר רב הונא] **כל מי שיש בו תורה ואין בו יראת שמים, משל לגזבר שמסרו לו מפתחות** [של דלתות] **הפנימיות** [של האוצר], מ׳האָט אים געגעבן די אינעווייניגסטע שליסל, **ולא מסרו לו** און מ׳האָט אים נישט געגעבן **מפתחות החיצונות**, די אויסנווייניגסטע שליסל, **בְּמַאי עָיֵל**, ער האָט נישט מיט וואָס אַריין צו גיין [להגיע אל דלתות האוצר הפנימיות. וכן התורה הוא כאוצר הפנימי, והיראת שמים הוא כדלתות החיצוניות, שעל ידי יראה יגיע האדם להשגת התורה].

מכריז **רבי ינאי**, רבי ינאי האָט אויסגערופן [על מי שיש לו תורה בלי יראת שמים]: **חֲבַל אַ** שאָד איז צו דעם וואָס **דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא**, ער האָט נישט קיין ׳דירה׳, ער האָט נישט קיין וואוינונג [שאין לו יראת שמים], **וְתַרְעָא לְדַרְתָּא עָבִיד**, און ער האָט זיך געמאַכט אַ ׳טויער׳. אַ טויער צו אַ וואוינונג [האָט ער], און קיין וואוינונג האָט ער נישט, [שהתורה אינה אלא שער להיכנס בה ליראת שמים (רש״י יומא עב.)].

ס׳גייט דאָך ביידע [משלים] אַרויף אויף - אַזוי זאָגן דאָך אַלע [מפרשים] - אַז ס׳איז דאָ [אצלו] תורה אָן יראת שמים, ווייל קודם מוז זיין יראתו קודמת לחכמתו (אבות ג, ט).

ז
קושית הרי״ף בעין יעקב: דהשני מְשָׁלִים נראה כסותרים זה את זה,
באם התורה הוא הפנימיות והיראה הוא החיצוניות, או להיפוך

ג) פרעגט דער **רי״ף** אין עין יעקב[ד], פרעגט ער אַ קשיא, דאָס ערשטע **מָשָׁל** [מהגזבר] זאָגט ער אַז מ׳האָט מפתחות הפנימיים [במה שיש לו תורה], די ׳אינעווייניגסטע׳, און מ׳האָט נישט די אויסנווייניגסטע [במה שאין לו יראת שמים], קומט אויס, איז דאָך די ׳תורה הקדושה׳ דאָס ׳פנימיות׳, און דאָס ׳יראת שמים׳ איז מפתחות ה׳חיצוניות׳, ווייל מ׳מוז עס האָבן פריער [היראה].

און דאָס אַנדערע **מָשָׁל** [שהכריז רבי ינאי] איז שוין פונקט פאַרקערט, זאָגט ער שוין ער האָט נישט קיין ׳דירה׳, [ווייל] ער האָט נישט קיין ׳יראת שמים׳, און ער

---

[ד] הרי״ף על עין יעקב נתחבר על ידי הגאון רבי יאשיה ב״ר יוסף פינטו זצ״ל, מחותנו של הרה״ק רבי חיים וויטאל זצ״ל, וממלא מקומו ברבנות עיר דמשק, נדפס לראשונה באמסטערדאם שנת ת״ג.

KolSatmar.com

האָט אַ 'טויער' צו די דירה [במה שיש לו תורה], קומט דאָך אויס איז דאָך די 'תורה' פון 'דרויסן' און די 'יראת שמים' איז אין 'פנימיות'.

זענען דאָך די צוויי מְשָׁלִים [פונקט פאַרקערט], הגם ס'גייט אויף איין קוֹטֶב[ה], אָבער דאָך די צוויי מְשָׁלִים זענען דאָך עפּעס פּונקט פאַרקערט [ודוחק לומר דפליגי].

ער טייטשט דאָרט לפי דרכו וויל ער זאָגן פְּשַׁט, ער 'נייט' זיך [=שדוחק עצמו].

ח

קושיא ד

בגמרא קידושין: דהאומות העולם הודו לדיבור דאנכי ולא יהיה לך, כששמעו הדיבור דכבד את אביך ואמך

די גמרא זאָגט אין קידושין (לא.)

[דריש עולה רבה אפיתחא דבי נשיאה] מאי דכתיב (תהלים קלח, ד) יוֹדוּךָ ה' כָּל מַלְכֵי אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי פִיךָ, ['מאמר' פיך לא נאמר אלא 'אִמְרֵי' פיך. ווען] די אומות העולם האָבן געהערט [אַז] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ [וְלֹא יִהְיֶה לְךָ], האָט מען געמיינט לכבוד עצמו הוא דוֹרֵשׁ, צום סוף ווען ער האָט געזאָגט כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, חזרו כולם והודו לדבריו, האָבן זיי מודה געווען [למאמרות הראשונות].

זאָגט ער [רבא אמר שלומדים מהכא, דכתיב (תהלים קיט, קס)] רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת [ראש דברך ולא סוף דברך? אלא] מסוף דבריך איז אַרויסגעקומען אַז רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת.

וצ"ב להבין, דאם ח"ו לא האמינו בה', משום מה חזרו והודו מחמת הדיבור דכַּבֵּד אֶת אָבִיךָ?

ד) לכאורה ברויך מען אינגאַנצן פאַרשטיין, זיי האָבן געקלערט חס ושלום הקדוש ברוך הוא [לכבוד עצמו הוא דורש]?! ווער ס'איז חס וחלילה אַז ס'איז דאָ עפּעס אַזאַ חשד [על כביכול], דאָס איז דאָך שוין נישט קיין 'אמונה'.

[ואם כן שלא האמינו ח"ו, קשה] ממה נפשך, און אַז ער האָט [בסוף דבריו] ווידער געזאָגט כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ [שוב] איז שוין גאָרנישט [החשד שהיה להם בתחילה]?, כאָטש דו ביסט חושד לכבוד עצמו הוא דורש [ואין לך אמונה, שוב אתה מודה מחמת הדיבור דכבד אביך ואמך?].

ס'איז עפּעס אינגאַנצן נישט צו פאַרשטיין.

ט

קושיא ה

יש להבין מה שאמרו תחלה לכבוד עצמו הוא "דורש", ולא אמרו לכבוד הוא עצמו הוא "אומר"

ה) און דערנאָכדעם [קשה], ס'איז דאָך "מאמרים", ער הייבט אָן "אִמְרֵי" פִיךָ, מ'זאָגט דאָ כסדר [בגמרא זו בלשון] מאמרות, [שחזרו והודו] אויף "אמרות" הראשונות, די ערשטע מאמרות זענען געווען אָנֹכִי [וְלֹא יִהְיֶה לְךָ], און אינדערמיט זאָגט ער [שאמרו] אַז ער איז [לכבוד עצמו הוא] "דורש", פאַרוואָס זאָגט ער נישט לכבוד עצמו הוא "אומר", ער זאָגט דאָך כסדר דאָס לשון אמירה.

---

[ה] פירוש "קוטב" הוא העמוד שבאמצע הגלגל, שהכל סובב עליו, והיינו שהכל הוא בכוונה ונקודה אחת.

KolSatmar.com

י

# ביאורי הקושיות

הקדמה לביאור קושיא ב, וקושיא ד - ה

נאָר לאָמיר זען, [לפרש דעס וואָס] כ'האָב אָנגעהויבן די גמרא [דברכות], שלא יהא אדם בועט באביו ובאמו [בהקדם דברי הגמרא דיבמות, כדלהלן].

לעולם, - כ'האָב עס געברענגט, אין ויואל משה ברענג איך עס אויך [הגמרא דיבמות] אַקעגן אַן אַנדער ענין[ו]. -

## המורא והכבוד רק לחי העולמים

בגמרא יבמות: דלא יתיירא אדם מן המקדש, אלא ממי שהזהיר על המקדש

**די גמרא זאָגט אין יבמות**[ז] (דף ו.):

[אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ] וְאֶת מִקְדָּשִׁי "תִּירָאוּ", **יכול** האָב איך געוואָלט מיינען אַז [דו] זאָלסט מורא האָבן פאַר'ן בית המקדש, זאָגט ער ניין, נאָר ממי "שצוה" על המקדש, על המורא [מקדש]. יכול יתיירא מן המקדש, [זאָגט ער] ניין, זאָלסט דיך נישט פאַרכטן נאָר ממי שצוה על המקדש.

ומבואר בתוספות: דגם במורא אב ואם אסור להתיירא מהם מצד עצמם אלא ממי שהזהיר על מוראם

פרעגט **תוספות**, פאַרוואָס זאָגט ער דאָס נישט ביי אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו "תִּירָאוּ", מ'זאָל דאָרט אויך באַוואָרענען מ'זאָל נישט מיינען [להתיירא מאביו ממש] נאָר ממי "שצוה" [על מורא אב ואם].

זאָגט תוספות[ח], ביים פאָטער ברויך ער דאָס נישט צו זאָגן, וואָרן ווער וועט זיך דען טועה זיין חלילה מ'זאָל מִשְׁתַּחֲוֶה זיין לשם אלקות צו אַ מענטש?, [צום] פאָטער און מוטער?, פאַרשטייט מען אַליין [שיש להתיירא רק ממי שצוה ביראתם].

[מה שאין כן ביים] בית המקדש, קען מען דאָך קלערן ס'האָט אַ קדושה, מעג מען זיך מִשְׁתַּחֲוֶה זיין לשם [המקדש] אַליין, [עס] פאַר אַן עַצְמָאוּת מאַכן, זאָגט ער ניין, זאָלסט וויסן [להתיירא] נאָר ממי שצוה על המורא.

### קושיא על דברי התוספות

קשה להבין כוונת התוספות, דגם במורא אב ואם אסור להתיירא מהם מצד עצמם,
והלא אין בזה שום דמיון למשתחוה לשם אלקות ח"ו

פרעגט מען דאָך די קשיא [על דברי התוספות דגם במורא אב ואם אסור לירא מהם מצד עצמם רק ממי שצוה על מוראם, דלכאורה] ווי קומט דאָס צו לשם אלקות, [והלא הוא פירוש

---

[ו] **בויואל משה** (מאמר ב, קמו) מבאר רבינו על פי דברי הגמרא והתוספות דלקמן, דמי שמכבד את מקום המקדש מחמת "עצמותו", ולא מחמת מורא שמים הוי זה עבודה זרה, ומכל שכן במה שהמינים עושין רעש על קדושת הארץ, שמלבישים הסתתם בלבוש "קדושת הארץ", דהוי זה כע"ז רחמנא לצלן, עיי"ש באורך.

[ז] **בגמרא יבמות** (דף ו.) תניא, יכול יתיירא אדם ממקדש, תלמוד לומר (קדושים יט, ל. בהר כו, ב) אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וְאֶת מִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ, נאמרה שמירה בשבת ונאמרה מורא במקדש, מה שמירה האמורה בשבת לא משבת אתה מתיירא אלא ממי שהזהיר על השבת, אף מורא האמורה במקדש, לא ממקדש אתה מתיירא אלא ממי שהזהיר על המקדש.

[ח] **בתוספות** (יבמות שם ע"ב, ד"ה) יכול יתיירא אדם מבית המקדש. גבי אביו לא הוצרך לומר כן, דפשיטא שלא ישתחוה לו לשם אלקות, אבל גבי המקדש איצטריך, משום דהוי דבר שבקדושה.

KolSatmar.com

מוראם מבואר] איזהו מורא לא ישב במקומו און נישט אַריינרעדן [לא יסתור את דבריו], די גמרא רעכנט דאָך אויס (קידושין לא:), אָבער ווי קומט אלקות?, ער גיט יענעם אָפּ כבוד, און די מורא, ס׳איז דאָך [משתחוה לשם אלקות] נישט אויף דער אַרט [=אופן] פון די מורא [אב ואם], פאַרוואָס זאָל איך קלערן עפּעס אַ הוה אמינא אויף לשם אלקות[ט].

### יא

#### הקדמה לביאור דברי התוספות

הקורא לאחד בשם ״אדוני״ ׳בפני המלך׳, הוה כמורד במלכות, אם לא היכא דגם המלך חולק כבוד לאיש ההוא

נאָר וואָס׳זשע דען, האָב איך געזאָגט דאָס [לבאר כוונת התוספות, דהנה] די **גמרא** זאָגט פאַרוואָס שטייט [אַז] אוּרִיָּה הַחִתִּי איז געווען אַ מורד במלכות - די גמרא אין שבת (נו.) - ווייל ער האָט געזאָגט [בפני דוד המלך] ׳וַאדֹנִי׳ יוֹאָב (שמואל ב׳ יא, יא).

זאָגט **רש״י**, דעם מלך אין די אויגן טאָר מען נישט פאַר אַן אַנדערן זאָגן קיין ׳אַדְנוּת׳ [דלאו אורח ארעא לקבל עליו מָרוּת אחרים בפני המלך].

און **תוספות** (בד״ה דאמר) ווענדט עס אָפּ דאָרט [פירוש רש״י], ווייל ס׳איז דאָך נישט קיין [מורד במלכות, שלא היה בלבו להמליכו ולקרותו מלך], ער [אוריה החתי] **האָט** אים [יואב] דען געמאַכט פאַר אַ ״מֶלֶךְ״?, ער האָט דאָך נאָר סתם געזאָגט ״אדוני״ יואב, ס׳איז דאָך נישט, ס׳ליגט דאָך נישט קיין ׳מלוכה׳ [דערין, ולכן פירשו התוספות דהוי ׳מורד׳ מטעם אחר].

נאָר דער פלא, אין יומא׳ זאָגט תוספות אַליין דעם פשט פון רש״י׳ן, אַז ס׳איז געווען אַ מורד במלכות דער וואָרט ׳אדוני׳ יואב.

און תוספות פירט אויס אַז ס׳איז געווענדט אין דער פלוגתא אין בבא בתרא[יא] צי חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב.

[עד כאן דברי התוספות שם].

[ושם בגמרא דבבא בתרא] ס׳איז אַ פלוגתא, און איך טוה אויף [דמסיק שם הגמרא] הָא דְּפַלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא [דאז מותר לחלוק כבוד לתלמיד במקום הרב].

### יב

קומט אויס ווען ס׳איז נישט פַּלִיג לֵיהּ רַבֵּיהּ יְקָרָא, אַז מ׳גיט כבוד פאַר אַ תלמיד במקום הרב, האָט מען פוגם געווען אין כְּבוֹד פון רַבּוֹ. ממילא איבערדעם

---

[ט] וזה לשון הקושיא **בויואל משה** מאמר ב סימן קמו (על דברי התוספות הנ״ל): ואינו מובן לכאורה, דהלא המורא שצריך להיות מאביו מבואר בגמ׳ קידושין דף ל״א ובשו״ע יו״ד סי׳ ר״מ, איזה מורא שלא יעמוד במקומו המיוחד לו ולא סותר ומכריע את דבריו, ואין לכל זה שום דמיון למשתחוה לשם אלקות ח״ו. ובמפרשי העין יעקב, הרי״ף והעיון יעקב, נדחקו בפירושא דהך דברי התוס׳ וכתבו דרכים רחוקים.

[י] **בגמרא** (יומא סו:) איתא ששאלו את רבי אליעזר כמה שאלות, ואחד מן השאלות היתה, ״מהו להציל הרועה מן הארי״? **ומפרשים התוספות** (בד״ה מהו) [בשם רבינו חננאל] כלומר מהו להציל אוריה מיד דוד [ששלחו להרגו משום דהיה מורד במלכות], מי סבירא לן חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב ולא היה מורד במלכות [בזה שנתן כבוד ליואב במקום דוד, וממילא יש להצילו], או דילמא אין חולקין ומורד במלכות הוה עכ״ל [הרבינו חננאל]. פירוש משום דקאמר וַאדֹנִי יוֹאָב דקרי ליה ליואב ׳אדוני׳ בפני המלך. ופלוגתא היא בפרק יש נוחלין (בבא בתרא קיט:) אם חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב, או לא. עכ״ל התוספות.

[יא] **בגמרא** (ב״ב קיט:) מר סבר חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב, ומר סבר אין חולקין. והלכתא חולקין, והלכתא אין חולקין. קשיא הלכתא אהלכתא?, הלכתא אהלכתא לא קשיא, הא דפליג ליה רביה יקרא, הא דלא פליג ליה רביה יקרא. ופי׳ **רשב״ם**, דפליג ליה רביה לתלמיד יקרא, ודאי ניחא ליה שיחלקו לו גם אחרים כבוד.

KolSatmar.com

איז געווען, האָט ער [אוּרִיָּה] געהייסן אַ מורד במלכות, ווייל בִּמְקוֹם הַמֶּלֶךְ אַז ער האָט געגעבן כבוד פאַר אַן אַנדערן, איז עס [נחשב] פאַר אַ פגיעה [בכבוד דוד, שהרי לא פַּלִיג דוד המלך יְקָרָא ליואב].

נאָר וואָס דען, דאָס וועט מען פאַרשטיין אַליין, אַז מ'מוז נאָר זאָגן [דלכן הותר לחלוק כבוד לאביו ורבו] ווייל ס'איז פַּלִיג לֵיהּ יְקָרָא.

## יג
## ביאור דברי התוספות

דמכל שכן נגד הקב"ה, אם חולקין כבוד ומורא לאיזה אדם או מקום מצד עצמו, הוה כמרידה במלכות שמים, וצריך לירא רק בשביל ציווי הקב"ה שצוה על כבודם ומוראם

[על כל פנים] טאָמער נאָר [אפילו] ביי אַ מענטש [נחשב כפגיעה בכבוד המלך, אם חולקין כבוד לאחר היכא דלא פליג ליה יקרא]. **על אחת כמה וכמה פאַר'ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, פאַר'ן בורא כל עולמים אין די אויגן, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** (ישעי' ו, ג), **אַז מ'גיט פאַר אַן אַנדערן כבוד קאָן עס הייסן אַ פגיעה, איז עס שוין אַ פגיעה אין דער אמונה.** [ולכן גם במורא אב ואם, אם יתיירא מהם מצד עצמם, הוי זה כמרידה במלכות שמים וכפגיעה בכבודו ית"ש, וזה הוי ענין עבודה זרה ודמי למשתחוה לשם אלקות][יב].

[ולכן כתבו התוספות דגם במורא אב ואם יתיירא רק ממי שצוה על מוראם], **זאָגט מען ניין, ס'איז אָבער** [להתיירא נאר] **ממי שצוה על המורא, אַז מ'טוט עס נאָר פאַרדעם ווייל דער אייבירשטער האָט אַזוי געהייסן**[יג].

**נאָר** [מבארים התוספות דאדרבה באב ואם פשיטא יותר דהוא כן ולכן אין צריך קְרָא וּדְרַשׁ על זה, כמו שנצרך דרש לגבי מורא מקדש, ווייל סוף סוף] **ביי אַ מענטש** [באביו ואמו] **וועט מען זיך נישט טועה זיין אַז מ'קאָן דאָס טון אַזוי** [להשתחוות לו מצד עצמו, דהרי דמי למשתחוה לשם אלקות], **נאָר פאַר'ן בית המקדש קען מען זיך טועה זיין** [שאין המורא בכלל עבודה

---

[יב] ועיין **בדברי יואל מכתי"ק** (פרשת לך, עמוד רט) **שפירש בזה מאמרם ז"ל** (סוטה ד:) **כל אדם שיש בו גסות הרוח כאילו עובד עבודה זרה**, דלפי פשוטו אינו מובן לכאורה, דאף שהגאות היא 'מדה מגונה ופחותה עד מאוד יותר מכל מדות הרעות שבעולם', עם כל זאת מה דמיון יש לו לעבודה זרה אשר כל המודה בה הוא ככופר בכל התורה כולה. אולם לפי הנ"ל יובן, דהמתגאה הוא מבקש כבוד אף במקום שאין הכבוד רודף אחריו מן השמים לכבדו, גם מחזיק את עצמו לְיֵשׁ וּלְנִכְבָּד אף במקום שלא צוה ה', ונמצא לפי שיטתו דראוי לחלוק לו כבוד אף במקום דלא פליג ליה רביה יקרא, וזהו ממש טעות העובדי ע"ז רח"ל, שחולקין כבוד לתלמיד בפני רבו אף היכא דלא פליג ליה רביה יקרא וכו', נמצא דשיטת המתגאה עם שיטת העובדי ע"ז רח"ל המה ממקור אחד השם ישמרנו, ולזה יפה אמרו רז"ל כל המתגאה כאילו עובד ע"ז, והבן.

[יג] **וזה הוא דומה להיכא דפליג ליה רביה יקרא דשרי, משום דמסתמא ניחא ליה במה שאחרים מכבדים אותו, וכל שכן הכא שהקב"ה "צוה" לכבדם.** (דברי יואל בפרשתן עמוד שעט).

ועיין בדברי יואל פרשת לך מכתי"ק (עמוד רח) שכתב סברא זו בשם המהר"י אלגזי (בספרו שמע יעקב פ' לך) וז"ל, דיש לחקור במצות כיבוד אב ואם, האיך אפשר לחלוק כבוד לבשר ודם בפניו יתברך שמו, דהלא אין חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב. והתשובה לזה, דבגמרא פרק יש נוחלין (ב"ב קיט:) אמרו, הלכתא חולקין כבוד לתלמיד במקום רבו, והלכתא אין חולקין, קשיא הלכתא אהלכתא, ומשני לא קשיא הא דפליג ליה רביה יקרא הא דלא פליג ליה רביה יקרא. אמור מעתה כיון שהוא יתברך חָלַק כבוד להם והזהיר על כיבוד אב ואם, תו ליכא משום חולק כבוד לתלמיד במקום הרב, כיון דפליג להו יתברך יקרא. וזה פירוש הכתוב (ואתחנן ה, טז) כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ כַּאֲשֶׁר "צִוְּךָ" ה' אֱלֹקֶיךָ דייקא, רוצה לומר משום דהוא עצמו יתברך צוה לכבדם, לזה היכא דפליג ליה רביה יקרא אף בפניו יתברך אתה מחוייב לכבדם.

KolSatmar.com

זרה, דהוה דבר "שבקדושה", ולזה הוצרך קרא לדרוש שגם בזה לא יתיירא מן המקדש אלא ממי שצוה על המורא].

אַזוי על פי פשוט זעט אויס [דער] פְּשַׁט אין תוספות[יד].

### יד

התחלת ביאור קושיא ב

## התכלית בלימוד התורה הקדושה הוא יראת שמים, לידע שיש בורא עולם ולהבין רצונו

## היוצא לנו מזה, דאָס קאָן זיין איז דער פשט [בגמרא דברכות]:

ביאור תחלת דברי רבא: תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים

דער **תכלית הלימוד** איז דאָך **כל שיראתו קודמת לחכמתו**[טו] וכו'. מ'זאָל **האָבן אמונה שלימה**, מ'זאָל וויסן אַז ס'איז דאָ אַ **באַשעפער אויף דער וועלט**.

יעדן לימוד וואָס מ'לערנט, דאַרף מען פאַרשטיין וואָס מ'לערנט [כדי להבין מהו "רצונו" יתברך שמו בענין זה].

אַזוי ווי זיי גיבן צו פאַרשטיין, וויאַזוי ס'קען זיין אַז מ'לערנט פון 'דברים גַשְׁמִיִּים' און דאָס זאָל ברענגען אַ כח פאַר'ן 'נֶפֶשׁ', מ'לערנט דאָך פון 'דיני מָמוֹנוֹת' צי אַנדערע זאַכן.

נאָר לעולם גיבן זיי דאָך צו פאַרשטיין, דער **מהר"ל מפראג**[טז] (תפארת ישראל, פרק ט) און אַלע, דער תכלית איז דאָך [ביגיעת התורה] מ'פלאָגט זיך דאָך מ'זאָל פאַרשטיין

---

[יד] וזלש"ק של רבינו **בויואל משה** שם: ולפענ"ד על כרחך צ"ל שכוונת התוספות דכל מורא וכבוד שנותנין לאחר חוץ מהקב"ה, הרי ענין עבודה זרה ודמי למשתחוה לשם אלקות, כי הכתר והכבוד רק לחי העולמים.

והוא על דרך שאמרו בגמרא שבת דף נ"ו דאוריה נתחייב מיתה דהוה מורד במלכות, בשביל שאמר ליה ואדוני יואב, ופירש"י ז"ל שם (ד"ה ואדוני יואב) לאו אורח ארעא לקבל עליו מרות אחרים בפני המלך. ואף שהתוס' שם פליג דאין זה מורד, שלא היה בלבו להמליך ולקרותו מלך. אבל ביומא דף ס"ו ע"ב (ד"ה מהו להציל) שם הביאו התוספות דעת רש"י דהוי אוריה מורד במלכות בשביל שאמר ואדוני יואב, ולא פליג עלי', אלא מסיק שזה תלוי בפלוגתא שבבבא בתרא דף קי"ט אם חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב או לא. ושם במסכת בבא בתרא מסיק להלכתא דיש חילוק אם פליג לי' רביה יקרא או לא פליג לי' יקרא.

וחזינן בזה דבשביל שקבל עליו אורי' מרות אחרים בפני המלך, אף שלא הי' בלבו להמליך אחר ולקרותו מלך, מ"מ הוי מרידה במלכות אם אומר כן בפניו של המלך, וחייב מיתה. ומכל שכן לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, שכל הנברא לכבודו ברא ואין יחידות כמוהו בשום פנים, דהוי המקבל מרות אחרים בפניו מרידה במלכות שמים, וזהו ענין של עבודה זרה. ועל כן כתבו התוס' דפשיטא שלא ישתחוה לאביו לשם אלקות, וגם המורא בכלל זה, ועל כרחך שאינו אלא בשביל שצוה השי"ת על המורא, ואי אפשר לטעות בזה. אבל במקדש שהוא דבר שבקדושה היה מקום לטעות שאין המורא בכלל עבודה זרה, לכן הוצרך הכתוב להזהיר שלא יתיירא מן המקדש אלא ממי שצוה על המורא.

וממילא אחר שמיעט הכתוב שלא יתיירא מן המקדש, הוה המתיירא מן המקדש עצמו בשביל קדושתו - לא בשביל ציווי הבורא יתברך - עובד עבודה זרה. כמו שכתבו התוספות באביו. והקב"ה הוא יחיד ומיוחד בתכלית היחוד במורא וכבוד, הוא ואין בלתו יתברך שמו. אלא באלו שהקב"ה צוה לירא מהם ולכבדם, צריך לקיים זה בשביל ציווי הבורא ברוך הוא, לא בכוונה אחרת חס ושלום, עכל"ק.

[טו] במס' **אבות** (ג, ט). רבי חנינא בן דוסא אומר, כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו, חכמתו מתקיימת. וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו, אין חכמתו מתקיימת.

[טז] בספר **תפארת ישראל** (פרק ט, י, יא), וז"ל [במקוצר], והנה המצות האלו, ועם שהם מעשים גַשְׁמִיִּים, באין ספק שהם קונים אליו ההצלחה אחרונה מצד הדבוק בו יתברך. והנה אלו המעשים הטובים מיחדים נפש האדם האצולה מן השם יתברך להוציא אותה מן הטבע אשר משותף האדם עם שאר בעלי חיים, כאשר יש לו על ידי מעשים אלו דבקות בו יתברך ויתעלה, ולכך אין בהם תמיה כלל איך המעשים האלו מביאים אל האדם הצלחה עליונה ועל ידי מעשה הרע מביא עליו עונש נצחי וכו'. ובזה הותרה שְׁאֵלָתָם לגמרי איך אפשר

KolSatmar.com

'וואָס' השם יתברך האָט געהייסן, מ'זאָל וויסן וויאַזוי איז די הלכה, ליגט מען דאָך אין דעם מיטן גאַנצן כח, מיט דער גאַנצער הֲבָנָה, [אז] מ'זאָל וויסן וועלעכס איז דער "רצון הבורא" ברוך הוא. דער מְכֻוָּן פונעם לימוד איז דאָך וויאַזוי מ'זאָל צוקומען מ'זאָל וויסן וועלעכס איז דער רצון השם ברוך הוא, צי איז אַזוי די הלכה צי איז אַזוי די הלכה, און ווער איז די 'הלכה'?, די הלכה איז דאָך [הכוונה] דאָס איז דאָך דער רצון פון הקב"ה, די גאַנצע תורה הקדושה וואָס השי"ת האָט געגעבן.

איז דאָך דער תכלית פונעם גאַנצן לימוד, מְיַחֵד צו זיין הקב"ה, מ'זאָל וויסן מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, אַז מ'זאָל כסדר טראַכטן צו טון דעם רצון פון הקב"ה.

**טו**

**יסוד גדול להכבוד שמים וכבוד התורה:**

**שלומדי התורה יתנהגו בכבוד ודרך ארץ הראוי כמצווה עלינו בתוה"ק**

**ביאור המשך דברי רבא:** שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט וכו'

כיון דתכלית הלימוד הוא להיות דבוק ברצונו ית"ש ובידיעתו, על כן יש לחוש שמא מתוך כך יבא לסבור שאסור לכבד לשום אדם

נו אַז מ'וועט גיין מיט דעם געדאַנק, קאָן מען קלערן טאָר מען גאָרנישט געבן פאַר אַן אַנדערן קיין כבוד.

וועט ער זיך אויסלערנען, ער וועט האָבן אַזאַ גרויסע אמונה [דמְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ], וועט ער זאָגן ממילא ווי קען איך, דאַרף איך דרך ארץ האָבן פאַר אַ טאַטן? צי פאַר אַ רבי'ן? צי פאַר 'דעם' פאַר 'יענעם'?, וכי חולקין כבוד לתלמיד במקום הרב?, איך שטיי פאַר'ן באַשעפער, איך פלאַג מיך דאָ כסדר איך זאָל וויסן אַז מ'שטייט דאָ כסדר פאַר'ן באַשעפער, נו וויאַזוי וועל איך געבן כבוד?, פלוצלינג וועל איך געבן כבוד פאַר איינעם?

**טז**

ולזה משמיענו רבא דאף שתכלית חכמה הוא תשובה ומעשים טוב, דהיינו השגת רצונו וידיעתו יתברך, מכל מקום לא יבא על ידי זה לבעוט באביו ורבו ובמי שגדול ממנו (וכפירוש מהרש"א שלא יתחלל השם בפי הבריות לומר אוי לפלוני שלמד תורה).

ונקט פרט זה יען שהיה מקום לטעות בדבר זה מחמת תכלית הלימוד

ברענגט אַראָפּ די גמרא [דברכות] אויף דעם, איבערדעם כאַפּט ער אָן 'די' מצוה [שלא יהא אדם בועט באביו ובאמו וברבו ובמי שגדול הימנו].

---

שיקנה האדם המדרגה הרוחנית על ידי המעשים הגשמיים וכו'. ועתה הבן בחכמה וחקור בבינה, כי התורה מוציאה את האדם מן הטבע ומביא אותו אל הדבקות בו יתברך וכו', שבדרך התורה יבא להתדבק בו יתברך וכו'. ויש לך להבין כי בשביל כך נקראת ה"תורה" בשם הזה, ולא נקראה בשם "חכמה" ו"תבונה" ו"דעת", אף שיש בה החכמה, אין החכמה שהיא בתורה היא חכמה מחקרית, אבל החכמה שהיא בתורה, שהתורה היא מלמדת ומוֹרָה לך דרך החיים שהאדם יקנה ההצלחה האחרונה היא הדבקות בו יתברך, שנפשו תהיה צרורה בצרור החיים את ה', ודבר זה שיבא אל הדבקות הזה הוא על ידי עשיית התורה. וזהו ההפרש שיש בין התורה ובין שאר החכמות.

ולפיכך השאלה למה לא יקנה האדם ההצלחה הנצחית על ידי ידיעת החכמה שעומד על ענין הטבע ומהות הגלגלים והמלאכים, ויהיה קונה ההצלחה בידיעת משפט היזק ארבעה אבות נזיקין ובחילוק תנור וכיריים ושאר משפטי התורה, שזה היא שאלה אם היה קונה ההצלחה על ידי חכמה, היה ראוי לומר שכל אשר הוא יותר חכמה ראוי שתהיה על ידו ההצלחה הנצחית, אבל אין הדבר כך, רק ההצלחה מה שעל ידי החכמה יקנה הַדְּבֵקוּת בו יתברך. עיי"ש עוד באריכות.

ועיין בס"ג פרשת זכור תשכ"א שמביא רבינו באריכות דברי המהר"ל, וגם דברי **הערבי נחל** (פ' וישלח). ובדברי יואל (מועדים ח"ז עמוד פז).

KolSatmar.com

וואָרן אַנדערע עבירות [לעשותם] פאַרוואָס זאָל מען קלערן [מחמת הלימוד], אַז איינער זיצט און לערנט זאָל ער וועלן זיין אַ בעל עבירה? מהיכי תיתי?, מ׳וויל טאָן דעם רצון פון השם ברוך הוא, איז זאָל מען גיין טאָן חלילה עפּעס אַן עבירה?, דאָס דאַרף מען נישט צו רעכענען, ס׳איז דאָך אַ פשיטות.

אָבער דעס, בּוֹעֵט צו זיין באביו ובאמו וברבו ובמי שגדול הימנו, וועט ער פאַרקערט, ער וועט זיך ׳פאַרפרומען׳ [לֵאמֹר] ס׳איז דאָ אַ באַשעפער, נו וואָס איז ׳יענער׳, וואָס איז ׳ער׳, ווי מעג איך גאָר געבן כבוד פאַר אַן אַנדערן אַקעגן דעם באַשעפער?, פאַר דעם האָב איך מורא, פאַר דעם האָב איך נאָך מער מורא [מנתינת כבוד לאחרים בפניו ית״ש].

יז

איבערדעם האָט ער [רבא] געזאָגט ניין, [שלא יהא אדם בועט וכו׳], זאָלסטו וויסן טאָמער חלילה [שאין מכבדין אותם, אין בזה מצוה רק עבירה]. דאָס איז פַּלִיג לֵיהּ [רבי׳ יקרא], ווייל השי״ת הייסט דאָס, דאָס איז דער רצון הבורא ברוך הוא.

מ׳זאָל וויסן [שלא יהא אדם בועט] **באביו ובאמו**. מ׳זאָל וויסן וואָס עלטערן זאָגן, מ׳זאָל חלילה מ׳זאָל נישט מְצַעֵר זיין, און מ׳זאָל מְכַבֵּד זיין.

און **ברבו**. פון איינעם וואָס מ׳לערנט אפילו פרק אחד, איז קוראו רבו אלופו ומיודעו (אבות ו, ג). **פון דעם וואָס מ׳לערנט אַמאָל**, אַז ער איז מסייע [להבנת הלימוד], ער טוט אים העלפן ער זאָל פאַרשטיין וואָס תוספות זאָגט, **איז מען אים מחוייב צו געבן דעם גרעסטן כבוד! און דעם גרעסטן דרך ארץ!**

**טאַקע ׳דאָס׳ איז דער רצון השם ברוך הוא.**

[ועוד שאין זה כבוד שמים כמו שאתה סובר, רק ההיפוך, ווייל] **אַז נישט** [שאם אין מכבדים אותם], זאָגט מען חלילה [אוי לו למי שלמד תורה], זאָגט מען ׳דער׳ האָט ׳געלערנט׳, [ער האט] אַזאַ ׳ערציאונג׳ געהאַט [ואין דיבורו בנחת עם הבריות].

**איז מען מְבַזֶּה ׳די גאַנצע תורה׳!** [כמבואר בגמרא דיומא, וכפירוש מהרש״א].

**און מ׳איז מְבַזֶּה הקדוש ברוך הוא!**

**הקב״ה האָט געגעבן די תורה און ער האָט געהייסן מ׳זאָל זיך פלאָגן איבער לערנען**, דער סוף קומט מען אַרויס ס׳איז נישט ׳משא ומתן בנחת׳, ס׳איז נישט ׳דיבורו בנחת עם הבריות׳, ס׳איז אָן ׳דרך ארץ׳, און ס׳איז אָן ׳גאָרנישט׳, און ס׳איז נישט ׳מענטשליך׳, ממילא דאָס מאַכט [רינון הבריות], **איז דאָס מְחַלֵּל הַשֵּׁם.**

איבערדעם כאַפּט אָן די גמרא די זאַכן טאַקע, ווייל דאָס איז [וואָס] ס׳קאָן קומען [על ידי כוונת ותכלית החכמה], דורכדעם [על ידי הלימוד] קאָן עס הערשט קומען [לטעות בדבר זה].

יח

**און דאָס איז ׳דער יסוד׳ פון אַלעמען:**

**אַז ס׳זאָל געבן כבוד פאַר׳ן בורא כל עולמים!**

**מ׳זאָל וויסן ווי גוט איז די ׳תורה׳ און דאָס ׳אידישקייט!**

**די ׳תורה׳ און דאָס ׳חסידות׳!**

**ווי ווייט דאָס איז גוט!**

KolSatmar.com

אַזוי ווי ער רעכנט אויס [בגמרא יומא] מ׳זאָל זאָגן **בָּרוּךְ שֶׁזֶּה יָלַד, בָּרוּךְ שֶׁזֶּה גִּדֵּל**, מ׳זאָל וויסן אַז ס׳איז אַ **כבוד שמים**, אַז דאָס איז עס.

מיט דעם, אַז מ׳זעט די ׳הנהגה׳, אַז מ׳פירט זיך אַזוי אַז יעדערער זעט דעם תכלית דערפון [של לימוד התורה] **אַז מ׳ווערט נִתְגַּדֵּל מיט אַן אמת׳דיגן דרך, מיט אַן אמת׳דיגע ערציאונג, מיט ׳תורה׳ און מיט ׳יראת שמים׳**, וויאַזוי ס׳זעט אויס [הנהגת הלומד תורה עם יראת שמים].

## יט
## ביאור קושיות ד - ה

באמת האמינו גם בתחלה, רק שסברו בתחלה דלכבוד עצמו הוא ״דורש״, ופירושו שהוא דורש ותובע מן בני ישראל רק כבוד עצמו ולא יכבדו כלל לשום אחר זולתו, ולכן זלזלו בדיבור הראשון, דאם כן נמצא שלא יהא קיום וכבוד לדרך התורה והאמונה, אבל כששמעו מצות ״כַּבֵּד״ חזרו והודו שאכן צריכין לכבד את מי שראוי לכבד על פי התורה, וא״כ שפיר יתקיים האמונה ודרך התורה

דאָס קען זיין דער פשט אין די גמרא [קידושין, שבתחלה אמרו האומות דלכבוד עצמו הוא ׳דורש׳].

״דורש״ איז טייטש [מה שהשי״ת דורש מהאדם וּמְצַוֵּהוּ, על דרך הכתוב] (מיכה ו, ח) מָה ה׳ אלקיך ״דּוֹרֵשׁ״ ׳מִמְּךָ׳, מ׳מיינט נישט [כפשוטו, דתובע לעצמו], מ׳האָט נישט געקלערט חס ושלום הקב״ה ׳פאַרלאַנגט׳ עפּעס, [נאָר] דּוֹרֵשׁ איז טייטש וואָס ׳פאָרשט׳ מען פון ׳דיר׳, [כמו הלשון מָה] ה׳ אלקיך ׳דּוֹרֵשׁ מִמְּךָ׳ [כִּי אִם עֲשׂוֹת מִשְׁפָּט וְאַהֲבַת חֶסֶד וְ]הַצְנֵעַ לֶכֶת עִם ה׳ אֱלֹקֶיךָ.

׳קודם׳ האָבן זיי [אומות העולם] געמיינט, [אַז] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט אָנֹכִי ולֹא יִהְיֶה לְךָ, ממילא טאָר דאָך נישט זיין, טאָר מען דאָך נישט געבן קיינעם קיין כבוד, קומט אויס הקב״ה פאַרלאַנגט [מן האדם] נאָר כבוד ״עצמו״, ער פאַרלאַנגט נישט פון דיר עפּעס אַנדערש, אַז מ׳פאַרלאַנגט נאָר כבוד עצמו ממילא קאָן מען דאָך קיינעם נישט געבן קיין כבוד [דבמקום דלא פליג הרב יקרא אין חולקין כבוד לתלמיד, ואם כן יאמרו אוי לו למי שלומד ומקיים התורה, שלא יתנהג בנחת עם הבריות].

׳נאָכדעם׳ האָבן זיי געהערט אַז מ׳זאָגט אָבער ״כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ״, איז מען דאָך געוואויר געוואָרן אַז השי״ת פאַרלאַנגט טאַקע אַז דעם וואָס ס׳געבירט זיך [=שראוי לו הכבוד], דעם וואָס מ׳ברויך אָפּגעבן דעם כבוד [כמו אביו ואמו], אַז דעס ברויך מען יאָ צו טאָן.

האָבן זיי געזאָגט רֹאשׁ דְּבָרְךָ ״אֱמֶת״, דעמאָלטס ווערט עס האָבן אַ ״קיום״ [דרך התורה והאמונה].

[ווי] דער **רמב״ן** זאָגט דאָך[ד] [על הכתוב] קָטֹנְתִּי [מִכֹּל הַחֲסָדִים וּ]מִכָּל הָאֱמֶת, אַ דבר ׳המתקיים׳ דאָס הייסט ״אֱמֶת״.

און אַזוי איז דער ״רֹאשׁ״ דְּבָרְךָ [׳אמת׳ ומתקיים, ולשון ״ראש״ מרמז על יסוד האמונה] טאַקע ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין קז.) [על הפסוק] וַיְהִי דָוִד בָּא עַד הָרֹאשׁ (שמואל ב׳ טו, לב).

---

[ד] ברמב״ן (וישלח לב, יא) וז״ל והנכון בעיני כי החסדים ׳הקיימים׳ יקראו אֱמֶת, כי היא מגזרת [אֲנַחְנוּ כֹּרְתִים] אֲמָנָה (נחמי׳ י, א), כטעם וְנֶאְמַן בֵּיתְךָ וּמַמְלַכְתְּךָ עַד עוֹלָם (שמואל ב׳ ז, טז), ענין ׳קיום׳ וכו׳.

KolSatmar.com

טאַקע די 'אמונה' אַליין קאָן נישט קיין קיום האָבן אַז מ'פירט זיך נישט מיט **דרך ארץ** און מיט **ישוב הדעת** אַזוי ווי ס'ברויך צו זיין, אַזוי ווי ער רעכנט אויס [שלא יבעוט] באביו ובאמו וברבו ובמי שגדול הימנו בחכמה ובמנין.

### כ
### ביאור הלשון גדול ממנו בחכמה ״ובמנין״
דהיינו במנין ״שנים״, דצריך לכבד את מי שהוא זקן יותר ממנו

כ'האָב נאָך געקלערט אפשר, [לפרש במה שאמרו במי שהוא] **גדול בחכמה ובמנין**, וואָס הייסט בחכמה ״ובמנין״.

[והמפרשים פירשו][יח] ״מנין״ [היינו שגדול יותר בתלמידים], אַז יענער האָט מער תלמידים. נו האָט מען דאָך דאָס נאָר אָנגעזאָגט נאָר פאַר די [לומדים] וואָס זיי האָבן שוין תלמידים?

[דאם אין לו תלמידים] ער קאָן דאָך נישט זאָגן אויף יענעם אַז ער איז 'גרעסער' פון אים במנין, ער קומט דאָך גאָרנישט למנין, ער קומט דאָך גאָרנישט צו דעם [סוג של מנין], קומט אויס האָט מען דאָך עס אינגאַנצן אָנגעזאָגט נאָר [לאותן שיש להם תלמידים], די גאַנצע מעשה.

נאָר ס'קאָן זיין האָב איך געקלערט, ״במנין״ אפשר מיינט [יאָרן], ״מנין״ ווייסט מען דאָך נישט [מיט] וואָס, ס'קאָן זיין 'תלמידים', און ס'קאָן זיין 'יאָרן' אויכעט, **אַז יענער איז 'עלטער' פון דיר דאַרף מען אויך דרך ארץ האָבן, גדול הימנו בחכמה ״ובמנין״**, אַז דער מנין איז אַזוי איז אויכעט [צריך לנהוג בו כבוד][יט].

### כא
### סיום ביאור קושיא ד

איבערדעם זאָגט דאָ די גמרא, מסוף דבריך, אַז מ'האַלט איין דעם סוף דבריך, דעמאָלטס איז ראֹש דְּבָרְךָ אֱמֶת, אַז מ'האַלט אַזוי איין און מ'פירט זיך אַזוי [בכבוד ודרך ארץ], האָט דאָס אַ קיום [כל דרך התורה והאמונה], בלייבט דער ראֹש דְּבָרְךָ ״אֱמֶת״, דאָס בלייבט אַ 'קיום'.

### כב
### הקדמות לביאור קושיא ג
ביאור משל הראשון דהגזבר ומפתחות

[ועתה נבוא לבאר] **דער גמרא** [דשבת].

די גמרא זאָגט מ'גיט אים מַפְתְּחוֹת הַפְּנִימִיּוֹת און מ'גיט אים נישט די מַפְתְּחוֹת הַחִיצוֹנִיּוֹת, בְּמַאי עַיֵּיל. די גמרא זאָגט דאָך ״יש לו תורה״, אַז ער האָט [שוין] תורה,

---

[יח] עיין בפירוש **הברטנורא** (עדיות א, ה) על המשנה דאין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אלא אם כן גדול ממנו בחכמה ובמנין. דבחכמה היינו שראש הישיבה של בית דין האחרון יהיה גדול בחכמה מראש הישיבה של ראשון. ״ובמנין״, שיהיו מנין התלמידים שבישיבה של אחרון מרובים ממנין התלמידים שבישיבה של ראשון.

[יט] ועיין בפירוש **הראב״ד** (עדיות שם), שהביא כן בשם הירושלמי, דבְּמִנְיָן היינו מנין שָׁנִים [אבל לא מפרש הכוונה בזה]. ועיין **בפירש״י** (אבות פ״ה מ״ז) על משנה דחכם אינו מדבר בפני מי שגדול ממנו בחכמה ״ובמנין״, שכתב ב' הפירושים, בשנים, וגדול בתלמידים.

KolSatmar.com

נו וואָס זאָגט ער ער קאָן נישט אַריינגיין אין פנימיות, [דלפי המשל] קומט אויס [אַז דאָס] פנימיות איז די תורה און דאָס חיצוניות דאָס איז יראת שמים, [און] אַז ׳ער האָט תורה׳ איז ער דאָך שוין אין מפתחות הפנימיות, וואָס דען זאָגט ער בְּמַאי עָיֵיל, מיט וואָס ער וועט אַריינגיין, נו ער האָט דאָך [תורה], ער איז דאָך דאָס.

זעט עפּעס אויס פון דעם, מ׳קאָן אויסלערנען כל התורה כולה און מ׳איז נאָכנישט דא ׳דערינען׳ גאָרנישט, מ׳איז נאָך ניטאַמאָל ׳אַריין׳ געגאַנגען, מ׳איז נאָך ניטאַמאָל אַריינגעגאַנגען אין די מַפְתְּחוֹת ׳הַחִיצוֹנִיּוֹת׳. וואָרן ער זאָגט דאָך אַזוי, ער איז ״יש לו תורה״, איז דאָך טייטש ער האָט [תורה], און אַז ער האָט נישט די מַפְתְּחוֹת הַחִיצוֹנִיּוֹת איז ער גאָרנישט אַריינגעגאַנגען.

ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין קו:) תורתו של דֹּאֵג [הָאֲדֹמִי] מִן הַשָּׂפָה וְלַחוּץ [ולא בלב].

זעט אויס [דיש לימוד כזה, אַז] מ׳האָט ׳געלערנט׳ און מ׳האָט גאָר מ׳איז נאָך ניטאַמאָל ׳אַריינגעגאַנגען׳ אין די תורה הקדושה, מ׳ווייסט נאָכנישט וואָס ׳תורה׳ איז, ער איז נאָכנישט ׳אין דערינען׳, ער האָט עס נאָכנישט ׳געזען׳, נישט נאָר ער האָט עס נישט געזען ער האָט נאָכנישט ׳אויפגעמאַכט די טיר׳ פון דעם מקום תורה, [נאָר] ער האָט נישט אויפגעמאַכט די טיר וואָס ס׳איז ׳פאַרן׳ מקום תורה, וואָרן ער האָט דאָך נישט די מפתחות ׳החיצוניות׳. זעט מען דאָך אַז ס׳קאָן זיין ״יש לו תורה״, ער האָט תורה, און מ׳האָט נאָכנישט געעפנט ניטאַמאָל די טיר פון די ״מפתחות החיצונית״, במאי עייל.

### כג

### הקדמות לביאור משל השני דהתַּרְעָא והדַּרְתָּא

נאָר דעס וואָס ער זאָגט דאָ [מכריז ר׳ ינאי חבל על] מַאן דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא וכו׳ [יש לפרש בהקדם הא דלהלן].

### כד

### ביאור הגמרא בברכות: אוהב ה׳ שערים המצויינים בהלכה יותר מבתי כנסיות ובתי מדרשות, דזהו גופא הוא מעליותא דבי כנישתא. דהכוונה שמתנהגים גם בביתו בדרך התורה והראוי כמו שלמדו בתורה בבית המדרש

כ׳האָב עס שוין אַסאַך מאָל געזאָגט[כ], וואָס די גמרא זאָגט אין ברכות (דף ח.):

אמר ליה רבא לרפרם [בר פפא] לימא לן מר מהני מילי מעלייתא דאמרת משמיה דרב חסדא במילי דבי כנישתא, פון די גוטע זאַכן וואָס ער האָט געזאָגט אין עניני בית הכנסת.

האָט ער אים געענטפערט [הכי אמר רב חסדא] ס׳שטייט אֹהֵב ה׳ שַׁעֲרֵי צִיּוֹן [מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב] (תהלים פז, ב), הקב״ה האָט ליבערשט שְׁעָרִים הַמְצוּיָּנִים בַּהֲלָכָה [יותר] מכל בתי כנסיות ובתי מדרשות, כ׳האָב ליבער די שְׁעָרִים הַמְצוּיָּנִים בַּהֲלָכָה.

פרעגט מען די קשיא, ער האָט דאָך אים געהייסן זאָגן עפּעס אַ גוטע זאַך פון עניני ׳בית הכנסת׳, צום סוף האָט ער אים געזאָגט [שהקב״ה אוהב ארבע אמות של הלכה ״יותר״ מבתי כנסיות, נמצא שלא אמר לו מעליותא דבית הכנסת]?

---

[כ] בדרשה פרשת וירא תשט״ז במאנטרעאל, ודרשה פרשת מטות תשי״ט בבני ברק, ועוד.

KolSatmar.com

[כא][ונראה דהנה אמרו חז"ל (אבות פ"ג מ"ה) דבזמן שישראל עוסקים בתורה בבתי מדרשות, שכינה שרויה ביניהם, ואף שהוא שלא לשמה] על כל פנים אַז מ'לערנט מיט ריינע מחשבות אַז דער אייבירשטער העלפט, מ'האָט נישט חלילה קיין שלעכטע געדאַנקען [יש השראת השכינה].

מילא אינעם שלא לשמה איז דאָך דאָ אַסאַך בחינות, ס'איז פאַרהאַנדן חס ושלום [שלומד בכוונה שלא לקיים, או לקנתר, או להכשיל את הבריות וזה עבירה שאמרו חז"ל] נוח לו[כב] [שלא נברא. ויש בחינות שלא לשמה שלומד ויש לו פניות וכדומה שעל זה אמרו לעולם ילמוד אדם שלא לשמה].

על כל פנים ווען מ'דאַווענט [בבית הכנסת] איז דאָך בי עשרה שכינתא שריא (סנהדרין לט.), אָבער דערנאָך גייט מען אַוועק, איז דאָך אויס, דאָס בית המדרש ווערט 'לער' און יעדער גייט זיך אַהיים, מ'גייט זיך אַהיים. 'דער' ווידעראום גייט צו עסן און צו שלאָפן, און 'דער' גייט למילי דעלמא [משא ומתן]. נו פאַלט מען דאָך אַראָפּ, פאַלט מען דאָך אַראָפּ, נו וויאַזוי קאָן זיין ס'זאָל זיין "מעלין" בקודש 'ולא מורידין'.

זאָגט ער [רבא לרפרם בר פפא], לימא לן מהני מילי "מעלייתא" דבי כנישתא, אַז דער שול דער בית המדרש זאָל נאָר זיין "מעלין" בקודש [גם כשהולכים משם].

זאָגט ער [רפרם בר פפא] יאָ, ס'קען זיין!

אַז מ'פרעגט זיך איין אין דעם בית המדרשביים לערנען, מ'קניפּט זיך אָן מיט אַ קֶשֶׁר אַמִּיץ וְחָזָק [לקדושה שֶׁסָּפְגוּ בביהכ"נ] מ'זאָל זיך פירן על פי התורה, אַז מ'זאָל אַלדינגס טון על פי הלכה, ווען מ'גייט אַוועק, מ'גייט עסן און מ'גייט שלאָפן, האָט מען זיך אינזין [להתנהג כדת של תורה], מ'ווייסט מ'באַקומט עפּעס אַ שטיקל חיות מ'איז געזעסן און געלערנט, אַז מ'פירט זיך בהלכה [גם בביתו] קומט דאָך אויס האָט מען דאָך אַוועקגעפירט די כוחות פונעם בית המדרש אַהיים צו זיך, דעס האָט הקב"ה נאָך ליבערשט פונעם גאַנצן בית המדרש, ממילא איז עס טאַקע 'מעלין' בקודש.

איבערדעם [כששאל רבא] לימא לן מר מהני מילי 'מעלייתא'. זאָגט ער יאָ, ס'קאָן זיין!, וואָרן אוהב ה' שְׁעָרִים הַמְצוּיָּנִים בַּהֲלָכָה מכל בתי כנסיות ובתי מדרשות, און פון וואו נעמען זיך די שְׁעָרִים הַמְצוּיָּנִים בַּהֲלָכָה?, [זהו בא מחמת] מ'איז געזעסן אין בית המדרש און מ'האָט געלערנט 'ערנסט', און מ'האָט 'געזוכט' מ'האָט

---

[כא] חסר כאן כמה תיבות. ונשלם מהנדפס בדברי יואל (בפרשתן עמוד שפא).

[כב] זלש"ק של רבינו (במסיבה לכולל שומרי החומות, א' וארא תשכ"א) אליבא דאמת איז דאָ צוויי שלא לשמה, ס'איז דאָ אַ שלא לשמה וואָס די גמרא זאָגט (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה... דער אמת זעט אויס בפשטות אַז אַ איד לערנט אפילו ער האָט עפּעס אַ פניה צי וואָס, אָבער ווען מ'האַלט אינמיטן לערנען האָט מען אַ גוטע מינוט אויך אינדערמיט, ער איז טאַקע ווייטער נישט אויסגעגעהאָרעוועט, דעם אַנדערן טאָג הייבט ער ווידער אָן מיט שלא לשמה. קאָן זיין דער פשט איז "שמתוך" שלא לשמה 'אינדערמיט' באַקומט ער אַ גוטע [מחשבה]. על כל פנים יהיה איך שיהיה איז דאָ אַזאַ שלא לשמה [שמותר ומצוה]. ס'איז אָבער דאָ אַ שלא לשמה וואָס די גמרא זאָגט [כל הקורא שלא לשמה] נוח לו שנהפכה שלייתו על פניו (מסכת כלה ה, א), נוח לו שלא נברא (ברכות יז.), האָט ער געטוהן אַן עבירה. תוספות (שם ופסחים שם) זאָגט ס'איז לקנטר, אָדער אַז מ'טוט חלילה מ'איז מכשיל מיטן לערנען אָדער כדומה, טוט ער אַן עבירה.

KolSatmar.com

געוואָלט פאַרשטיין לערנען, און מ'האָט זיך אָנגעקניפּט [בתורה ויראת שמים], גייט מען אַוועק מיט שְׂעָרִים הַמְצוּיָינִים בַּהֲלָכָה, איז עס טאַקע קומט אויס דאָס 'אַהיים גיין' איז 'מעלין' בקודש.

**כה**

מקום 'דירה' נקרא רק ביתו של אדם, מקום אכילה ולינה, ולא הבית הכנסת ובית המדרש

איבערדעם, אַ מקום "דירה" געפינט מען[כג] ווערט אָנגערופן נאָר דאָרטן, אָדער [ביי] מקום 'אכילה', אָדער [ביי] מקום 'לינה'.

אַ 'בית הכנסת' איז נישט קיין מקום דירה, והראיה קיין עירוב [פת של עירובי חצירות] טאָר מען נישט לייגן [בבית הכנסת].

לעולם דער גאַנצער היתר וואָס מ'לייגט [בדורות אחרונים] אַן עירוב אין בית הכנסת, שטייט דאָך אין **שולחן ערוך**[כד] ווייל כאָטשיג ס'איז דאָך נישט קיין מקום דירה [מכל מקום נהגו להניח שם הפת דעירובי חצירות] ווייל ס'איז [מדין] שיתוף, ווייל היינט איז נישט קיין עירובין [מדין עירובי חצירות] נאָר שיתוף [מדין שתופי מבואות][כה], ביי שיתוף מוז נישט זיין קיין מקום דירה [להניח הפת בבית של דיורין, רק יכול להניחו גם בחצר].

אָבער [לעולם] אַ בית הכנסת און אַ בית המדרש הייסט נישט קיין מקום 'דירה', [אפילו] מ'לערנט דאָרט טאַקע, מ'מעג לערנען [תמיד] 'בייטאָג און ביי די נאַכט'.

דאס לשון "מקום דירה" איז אַזוי ווי בנוהג שבעולם, דאָרטן וואו מען 'עסט' און וואו מען 'שלאָפט'.

[משא"כ בבית הכנסת] ס'איז ניטאַמאָל אַ חיוב דאָרטן, אַקעגן אַ חיוב צו 'אסר'ן' [הטלטול בבית הכנסת וחצירו בלא פת[כו], דמהרי"ל כתב דאסור לטלטל אלא כלים ששבתו בתוכה, און] דער מגן אברהם (או"ח שסו, י) פלאָגט זיך גאָר פאַרוואָס מ'טאָר נישט, מ'דאַרף גאָר מעגן 'טראָגן' אויכעט אין חצר הבית הכנסת, ווייל ס'איז נישט קיין מקום דירה [ומקום שאין בו דיורין אינו אוסר בטלטול].

אַ מקום "דירה" הייסט [נאָר] אין דער 'היים'.

**כו**

רק עסקי הנשמה נקרא עסק "שלו"

נו, דער כלל איז דאָך, ווי ער זאָגט אין **סידורו של שבת** (דרוש ד, מאמר א, אות ד), ס'שטייט (נשא ה, י) וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו לוֹ יִהְיוּ, [בהקדם] ווי דער **חובת הלבבות** זאָגט (שער הבחינה סוף פרק ג) [על פי משל מאחד שנשכר לאחרים ובכל רגע הפנוי עובד בשדה עצמו, והנמשל] אַז דאָס וואָס מ'טוט 'צרכי שמים' דאָס טוט מען פאַר 'זיך', און דאָס וואָס מ'גייט [פאַר] 'עניני הגוף' דאָס איז נישט פאַר זיך, דאָס טוט מען נישט פאַר זיך,

---

[כג] **בגמרא** (עירובין עב:): מאי מקום דירה. רב אמר מקום פִּיתָּא [פרש"י, שאוכל שם], ושמואל אמר מקום לינה.

[כד] **ברמ"א** (או"ח סימן שסו, סעיף ג) והמנהג בזמן הזה להניח העירוב בבית הכנסת וכן נהגו מקדמונים. ונראה לי הטעם דעירובין שלנו יש להם דין שיתוף, ואין צריך להניחו בבית דירה.

[כה] עייך באורך בשו"ע או"ח סימן שפ"ו וסימן שפ"ז.

[כו] והיינו כשיש באותו חצר עוד בית 'אחד' מלבד הבית הכנסת, והשאלה אם הבית והביהכ"נ אוסרים זה על זה מלטלטל בחצר, עיין בשו"ע התניא סימן שס"ו סעיף ו'.

KolSatmar.com

דאָס טוט מען נאָר פאַר׳ן גוף, אַזוי ווי פאַר אַ ׳פרעמדן׳, דאָס איז נישט קיין עַצְמִיּוֹת, ס׳איז נישט פאַר זיך.

**זאָגט ער** [בסידורו של שבת לפרש] **וְאִישׁ אֶת ״קֳדָשָׁיו״** [מה שעושה צרכי קדושה בתורה ומצות] **דאָס איז ״לוֹ״ יִהְיוּ** [זה הוא שלו ממש].

**כז**

**ביאור המשל השני דהתרעא ודרתא**

מי שיש בו תורה ואין בו יראת שמים, ומתנהג ״בביתו״ באופן מגושם, אין לו מקום ״דירה״ שהוא ״שלו״, כי בבית הכנסת הוא רק ״שער״ למקום הדירה ואינו מקום דירה, ובביתו שהוא מקום דירה הרי אינו עוסק שם בצרכי הנשמה שהוא עסק ״שלו״

**קומט אויס אַז מ׳גייט אַהיים און מ׳ווערט ״פאַר׳גַשְׁמֶ׳עט״ אינדערהיים מיט ׳אכילה׳ און מיט ׳לינה׳, אין מקום ׳דירה׳, קומט אויס ׳האָט מען נישט׳ קיין דירה. וואָרן ׳דירה׳ הייסט דאָך נאָר דאָרטן** [במקום אכילה ולינה], **און** [צרכי הגוף] **דאָס איז דאָך נישט ״לוֹ״ יִהְיוּ, אַז דאָס איז נישט קיין ״שערים המצויינים בהלכה״, איז דאָך דאָס ווי אַ ׳פרעמדע׳ זאַך, קומט אויס ׳פאַרמאָגט׳ מען נישט קיין דירה.** [כי] **בית הכנסת און בית המדרש איז דאָך נישט קיין ׳מקום דירה׳** [ובביתו אינו עוסק בצרכי הנשמה שהוא שלו, רק בצרכי הגוף שהוא כמו לאיש נכרי, ונמצא] **דער האָט גאָרנישט קיין דירה.**

**נאָר וואָס דען דאָס בית הכנסת און בית המדרש איז דער ״שער״ פאַר דער דירה, אַז מ׳זאָל** [אחר כך] **׳אינדערהיים׳ זיין מצויינים בהלכה** [ואם כן כשלומד בביהמ״ד היה לו ההכנה שיוכל הדירה להיות שלו, רק שלבסוף לא נתקיים אצלו כן בביתו].

**כח**

**דאָס זאָגט ער דאָרט** [רבי ינאי], **חֲבַל עַל דְּלֵית ״לֵיהּ״ דַּרְתָּא, ער האָט ׳אינדערהיים׳ נישט קיין דירה, ס׳איז נישט קיין דירה** [״שלו״], **נאָר ״וְתַּרְעָא״ לְדַרְתָּא עָבִיד, ער גייט טאַקע אין בית המדרש, דאָס איז טאַקע דער ״שער״ פאַר די דירה** [והיה מוכן להתנהג גם בביתו ביראת שמים ושיהיה גם המקום ׳דירה׳ ״שלו״], **אָבער ער קומט אַהיים איז חֹשֶׁךְ, ס׳איז נישט קיין דירה, ס׳איז נישט קיין מקום דירה, ס׳איז נישט ׳זיין׳, ס׳איז נישט פאַר ׳אים׳, ער ווערט דאָרט אינגאַנצן נִתְגַּשֵּׁם, און ער פאַרגעסט זיך גאָר אַז ער דאַרף עפּעס אין זיך** [ליקח עמו מקדושת הביהמ״ד].

**דאָס איז דער פשט** [דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא] **וְתַּרְעָא לְדַרְתָּא עָבִיד, דעס קומט ער זאָגן**[כז]**.**

---

[כז] וזה לשון קדשו של רבינו בס״ג שמות תשכ״ח: ״תַּרְעָא לְדַרְתָּא״, דאָס מיינט מען עפּעס אַנדערשט, די דירה מיינט מען טאַקע די אייגענע דירה. דאָס זעט מען, אַסאַך איז דאָ, אין בית המדרש איז ער נאָך גאַנץ כמעשה, ער לערנט גאָר, ער איז זיך קובע עתים לתורה, אין בית המדרש פירט ער זיך נאָך גאַנץ גוט אויף, [אָבער] ווען ער קומט אַהיים אין שטוב אַריין, איז חושך אפילה, ער האָט נישט קיין שטוב, אָן יראת שמים פירט מען זיך נידעריג, אין שטוב ווערט מען נתגשם.

דער בורא כל עולמים קוקט דאָך יעדן אַריין. די גמרא (חגיגה ה:) זאָגט [עה״פ (עמוס ד, יג) וּמַגִּיד לְאָדָם] מַה שֵּׂחוֹ, אפילו שיחה קלה שבין איש לאשתו [מגידים לו לאדם בשעת הדין], דער בורא כל עולמים זעט דאָך אַלעס... דאַרף מען זיך באַרעכענען, דאַרף מען זיך באַרעכענען, וויאַזוי מ׳פירט אָפּ ביי זיך אין שטוב. אַז מ׳איז נישט נתגשם, מ׳פירט זיך אויף איידל, מ׳געדענקט אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער, בכל פסיעה ופסיעה, ביי יעדע פעולה וואָס מ׳טוט ביי זיך אין שטוב אַז מ׳טוט פאַר׳ן רצון הבורא ברוך הוא, האָט דאָך קיין שיעור נישט, אַזוי אַרומער קומט מען צו צו די קדושה.

KolSatmar.com

### כט
### ביאור קושיא ג

בבית המקדש שהוא מקום לימוד התורה, שם נקרא התורה מפתחות "הפנימיות" ויראת שמים "החיצוניות"

**מיט דעם איז פאַרענטפערט די סתירה, די צוויי מְשָׁלִים, פריער** [במשל הַגִּזְבָּר והמפתחות] **זאָגט ער דאָך 'מפתחות החיצוניות'** [לא מסרו לו]**, דאָס מיינט ער דאָך אין "בית המדרש", אין בית המדרש זענען די מפתחות 'הפנימיות' די תורה הקדושה, און די יראת שמים איז דאָ דאָס 'חיצוניות', ווייל אין בית המדרש איז דאָך אַ פּלאַץ צו לערנען, דאָס איז דאָך דאָס מקום 'תורה', ממילא איז דאָס** [התורה] **די מפתחות "הפנימיות".**

אבל בביתו העיקר הוא היראת שמים ועל כן נקרא זה "הפנימיות", ושם נקרא התורה רק "שער" והכנה להיראת שמים שבביתו, שהתורה שבבית המדרש מביא האדם להתנהגות היראת שמים בביתו

[אמנם במשל דרבי ינאי מהתרעא ודרתא מיירי מביתו]**. אַז מ'קומט "אין דער היים", אינדערהיים איז דאָך נישט אַזאַ מקום תורה, איז דאָך שוין נישט** [התורה הפנימיות]**, אַזוי ווי ס'שטייט דאָך** (ברכות כח:) **מוֹדֶה אֲנִי שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקִי 'מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ'** [הרי ששם הוא עיקר מקום תורה]**.**

**נאָר וואָס דען, אינדערהיים ברויך מען ווידער זיין 'איינגעוואַקט' אין דעם יראת שמים וואָס מ'האָט גענומען פונעם בית המדרש, דאָרט איז דאָס 'פנימיות' דאָס 'יראת שמים'.**

**נאָר וואָס דען, די 'תורה הקדושה' וואָס מ'האָט זיך געברענגט פון בית המדרש** [זה מביא את האדם להתנהג ביראת שמים בביתו]**, לגבי דעם** [מקום הדירה, הרי התורה] **דאָס איז דער "שער".**

**איבערדעם אַז דאָס קומט צו דעם** [למקום הדירה, אזי התורה] **איז "תַּרְעָא" עָבִיד לְדַרְתָּא, דאָרטן** [בביתו] **איז טאַקע דאָס משל 'אַזוי', אַז דער מקום "דירה" איז דאָס 'פנימיות' דאָס 'יראת שמים'.**

**דאָס איז דער חילוק פון די צוויי מְשָׁלִים.**

### ל
## הדרכות בדרך ואופן לימוד התורה הקדושה

**דער תוכן פון דעם אַלעמען איז, דער תכלית פונעם לערנען** [הוא לבא ליראת שמים ואמונה]**, אַזוי ווי מ'האָט געשמועסט טאַקע** (באות יד)**.**

### לא

**בעצם אַז מ'לערנט דאַרף מען וויסן אַ דרך, מ'זאָל זיין** [שקוע בתורה] **מיטן גאַנצן רעיון.**

---

איבערדעם זאָגט ער, חֲבַל עַל דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא ["וְתַרְעָא" לְדַרְתָּא עָבִיד], ער האָט תורה, ער האָט אַמאָל געלערנט, אפילו גאָר ער האָט געלערנט עניני יראת שמים, אָבער "וְדַרְתָּא" לֹא עָבִיד, ער האָט נישט קיין דירה, די שטוב איז נידריג, ס'איז נישט אַזאַ שטוב וואָס זאָל מיטגיין קיין ארץ ישראל לעתיד ווען משיח וועט קומען, אַזוי ווי די בתי כנסיות און די בתי מדרשות. ער האָט אַ "תַּרְעָא" לְדַרְתָּא, ער העט געקאָנט זיין איידל, ער האָט געקאָנט זיין אַ איד, ער האָט 'מיט וואָס', ער האָט 'געלערנט', און ער 'ווייסט', נאָר ער איז אָבער נתגשם, ווען ער קומט אין שטוב אַריין ווערט ער נתגשם, ער האָט געמאַכט אַ תַּרְעָא לְדַרְתָּא [אָבער] וְדַרְתָּא לֹא עָבִיד. איבערדעם זאָגט דאָך די גמרא דאָס משל [דלית ליה דירה] ער האָט נישט קיין "דירה".

KolSatmar.com

איך האָב געזאָגט [בדרך צחות], אויף אַלדינגס אויף אַלעמען ברויך מען באַנוצן [מדת] **אמונה**, נאָר אַז מ'גייט דורך תוספות'ס 'קשיא' מיט תוספות'ס 'תירוץ' טאָר מען נישט אַוועקגיין [מהתוספות] מיט אמונה, [שיאמר] איך 'גלייב' אַז תוספות זאָגט ס'איז אַ קשיא מסתמא איז עס אודאי קשה, [און] אַז תוספות זאָגט ס'איז אַ תירוץ מסתמא איז דאָס אַ תירוץ, [כי אם לומדים בדרך זה] דעמאָלטס בלייבט מען אַן עַם הָאָרֶץ.

אַז מ'גייט דורך, מ'לערנט תוספות'ס קשיא, ברויך מען צו 'פאַרשטיין', **ברויך** [פאַר דיר] **'אַליין' אויך קשה זיין.** [אַז] תוספות האָט אַראָפּגעשטעלט אַ קשיא, **טאָמער איז 'אַליין' נישט קשה די קשיא, איז אַ סימן אַז דו פאַרשטייסט נישט, ברויך מען זיך נאָך פלאָגן, ברויך מען זיך פלאָגן אַז מ'זאָל פאַרשטיין.**

וואָרן אַז נישט, אַז דו האָסט נאָכגעזאָגט דאָס תוספות'ל [וְחָשַׁבְתָּ] "אַז תוספות פרעגט, מסתמא איז עס אַ קשיא", און מ'זאָגט עס נאָך [כמו שהוא], דאָס איז דען [נחשב ללימוד, והרי] דעמאָלטס האָט מען נישט "געלערנט".

מ'ברויך אַזוי לערנען אַז מ'זאָל 'אַליין' פאַרשטיין, ווען תוספות זאָגט אַ תירוץ ברויך עס טאַקע זיין פאַרענטפערט בְּלֵב, אַז תוספות זאָגט דעם תירוץ דאַרף ער זיין בְּלִבּוֹ וויסן ס'איז פאַרענטפערט, וואָרן אַז נישט בלייבט מען [אַן עַם הָאָרֶץ].

און אַזוי איז דאָ [ביי] יעדער "הלכה", ביי יעדן ענין וואָס איינער זאָגט [במפרשים איזה סברא בתורה] ברויך מען 'פאַרשטיין' [ווי ווייט מעגליך. און] אַ זאַך וואָס 'מ'קאָן נישט' פאַרשטיין, ווייסט מען דאָס איז 'בצריך עיון'[כח], אַזוי ווי ס'איז פאַרהאַנדן דאָך ביי אַסאַך זאַכן [שנשארו במפרשים בקושיא וצ"ע], די תורה הקדושה [איז] אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּהּ (איוב יא, ט).

### לב
## התנהגות הלומד תורה, ובפרט בזמנינו

דאָס איז דער תוכן דערפון, ווי איך האָב פריער געזאָגט (באות יד), מ'דאַרף זיין מקושר, מ'דאַרף וויסן [בשעת הלימוד, דמה שלומדין כעת] **דאָס איז דער רצון הבורא ברוך הוא** [איך להזהר בכל דין], **דאָס גיט דאָס חיות.**

### לג

און טאַקע וואָס מ'האָמיר געשמועסט (באות טו-יח) [בפירוש הגמרא שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט באביו וברבו ובמי שגדול ממנו וכו'].

איבערהויפּט בדור האחרון, די גמרא זאָגט דאָך (ביומא, כדעיל אות ב) **אַז בימיהם** איז אַזוי געווען, אַז [אויב] ס'איז נישט משא ומתן בנחת עם הבריות זאָגט מען חלילה דעם אָרוּר שזה [גידל] חס ושלום.

**איבערהויפּט היינט**, ווען ס'איז אַזוי דער **שפלות התורה** און דער **שפלות האמת** [בעיני הבריות], און אַז מ'ליגט נאָך צו אַזאַ 'פעקל' וואָס די גמרא זאָגט נאָך

---

[כח] ויזכור שפרט זה קשה לי בסוגיא זו, וילמוד הלאה בשאר עניני הסוגיא ובשאר סוגיות (וגם זאת שייך להבנת הלימוד, שזאת וזאת אני מבין, רק שפרט זה קשה לי), אבל עכ"פ רוב לימודו צריך להיות בהבנת הסוגיא על בוריו.

KolSatmar.com

בימיהם[כט] [שאין משאו ומתנו באמונה, ואין דבורו בנחת עם הבריות], און נאָכדעם ׳שעלט מען צאַם׳ דעם **רבי׳ן**, מיט די עלטערן וואָס זיי האָבן געלאָזט אַזוי לערנען די קינדער אויף ׳אַזאַ פלאַץ׳, און די **רבי׳ס** וואָס זיי האָבן אַזוי געלערנט מיט די קינדער.

אַז דאָס איז נאָך געווען בזמן הגמרא אַזוי, וויאַזוי וועט דאָס נאָך אויסזען היינט.

**לד**

על כל פנים דאַרף מען וויסן ׳דאָס׳ איז דער רצון הבורא ברוך הוא [לנהוג כבוד באביו ורבו ובמי שגדול ממנו, ולהתנהג בנחת עם הבריות].

מ׳זאָל וויסן אַז הקב״ה איז נישט נאָר לכבוד עצמו הוא דורש. **הקב״ה איז דורש יעדנ׳ס כבוד.**

מ׳זאָל אַרויפוואַרפן [האחריות] אויף יעדן, מ׳זאָל וויסן **מ׳דאַרף זיך אויפפירן אַזוי ווי מ׳דאַרף זיך אויפפירן.**

טאַקע צווישן עלטערן.

און עלטערע מענטשן.

און צו די אַלע **רבי׳ס**.

און צו יעדן ווער ס׳האָט מיט אים געלערנט, ווער ס׳האָט אים אַ טובה געטוהן עפּעס, עפּעס אַריינגעגעבן אַ שטיקל הבנה, אַ שטיקל חיות, אין לערנען און אין **הַנְהָגָה** [במדות טובות].

**לה**

און דער עיקר איז אַז מ׳זאָל בלייבן דערביי [אפילו] ווען מ׳גייט אַוועק, ווען מ׳גייט אַוועק און מ׳גייט אַהיים, דאָרטן טאַקע וואו מ׳עסט און וואו מ׳שלאָפט, זאָל מען וויסן ס׳זאָל נישט זיין קיין ׳ירידה׳, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט (באות כד) ׳מעלין׳ בקודש ולא מורידין, מ׳זאָל בלייבן [בהנהגת יראת שמים של הביהמ״ד גם בביתו].

**לו**

**ביאור קושיא א**

איבערדעם זאָגט ער, דאָס זאָגט ער זֹאת ״תִּהְיֶה״ תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ, וואָרן ׳דער׳ [שהוא בא ליטהר ולעשות תשובה, והוא מקדים יראת שמים לחכמתו], ווילאַנג ער איז נישט בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ [שאין לו ׳ריינע געדאַנקען׳], ער איז אַ מצורע [שמנוגע בתחלואי הנפש ויש לו ׳שלעכטע געדאַנקען׳][ל], אפילו ער לערנט, [אבער ווען] ער גייט אַוועק איז מורידין, נישט מעלין בקודש, ער בלייבט נישט ביי דער תורה, ער בלייבט אָן גאָרנישט, קומט אויס ער האָט נישט קיין מקום דירה.

---

[כט] חסר כאן איזה תיבות.

[ל] וכלשונות רבינו לעיל (אות כד) ד״ה ונראה.

KolSatmar.com

אַז דער אייבירשטער העלפט אָבער "בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ" [שמקדים יראת שמים לחכמתו], 'דערנאָכדעם' אַז מ'לערנט, איז זֹאת "תִּהְיֶה", "בַּהֲוָיָתָהּ תְּהֵא" [שנתקשר בתורה ויראת שמים בְּקֶשֶׁר אַמִּיץ וְחָזָק], אַז - חלילה - ס'איז נישט קיין הורדה, [נאָר] מיט דעם גייט מען אַוועק [מביהמ"ד לביתו] מיט דעם וואָס ער איז [''איינגעווייקט' בתורה ויר"ש] אין בית המדרש.

[וכשילך מביהמ"ד ילך] מיט דעם כח, מיט דעם וואָס ער לערנט, מיט דעם וואָס ער ברענגט אין זיך אַריין:

**יראת שמים** [שיראתו קודמת לחכמתו].

מיט **דרך ארץ** [שנותן כבוד לאביו ולרבו ולמי שגדול ממנו בחכמה ובמנין].

און **אמונה**, אמונה שלימה אין הקב"ה בכל תנועה ותנועה, מיט די אַלע בחינות [שגם בדברים גשמיים מכוון להתדבק ברצון הבורא ב"ה].

## לז
## ברכת הקודש

זאָל טאַקע זיין, זֹאת תִּהְיֶה "בַּהֲוָיָתָהּ", אַז מ'זאָל **בלייבן** [באמונה ויראת שמים ודרך ארץ].

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

ס'זאָל טאַקע בלייבן אַ **נצחיות**.

ס'זאָל אויפגעצויגן ווערן [דורות ישרים], ס'זאָל טאַקע זיין דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ [בזה ובבא].

די פירות [בעולם הזה] מיט'ן קרן [לעולם הבא], מיט די פירות[לא].

מ'זאָל די זכיה האָבן, מ'זאָל זיך פירן אַז מ'זאָל בלייבן טאַקע ביים אמת און ביי **תורה** און ביי **יראת שמים**.

מ'זאָלמיר זוכה זיין טאַקע אינאיינעם, מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָל נאָך מתקן זיין וואָס מ'האָט פוגם געווען.

און מ'זאָל טאַקע דבוק זיין אין דער תורה הקדושה.

ס'זאָל זיין לרצון פאַר הקדוש ברוך הוא.

ביז דער בורא כל עולמים וועט העלפן מ'וועלמיר זוכה זיין אַלע אינאיינעם צוזאַמען אַקעגנגיין פני משיח צדקינו (אמן).

---

[לא] כדאיתא במשנה (פאה א, א) אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא וכו' וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם.

KolSatmar.com